## רב מײַזל־מיזל

ס׳איז באַקאַנט:
ערגעץ אין אַ לאַנד,
פונקט אינמיטן מאַרק,
זיבן יאָר צו קינד געגאַנגען איז אַ באַרג;
זיבן יאָר געקרעכצט ווי טויזנט ניט געשמירטע אַקסן
און פאַרטייבט אַ וועלט די אויערן —
און לסוף אַ מײַזעלע געבוירן.
איז דאָס מײַזעלע געוואַקסן און געוואַקסן,
ביז געוואָרן פונעם מײַזעלע אַ מויז.
גרויס,
ניט, פאַרשטייט זיך, ווי אַ באַרג,
ניט אַפילו ווי אַ בערגל,
נאָר אַ מויז געזונט און שטאַרק —
צווישן בערגעלעך אַ צווערגל,
צווישן מײַזעלעך אַ ריז.
און געהייסן האָט עס מײַזל־מיזל.
אַלע מײַז געציטערט פאַר דעם ריזל.
און אַז מײַזל־מיזל טוט אַ ניס,
ניסן מיט אים אַלע מײַז אינײנעם;
הוסט ער — טראָגט אים יעדער אונטער גלײַך אַ גאָגל־מאָגל.
ווײַל צו דעם, וואָס צווישן מײַז אַ גוג־מגוגל!
זעט מען פונדערווײַטנס גיין אים —
אונטער אויערל מיטן עקל בלײַבן שטיין זקנים.
קומט אויף אַן אַסיפה — ביזקל
מײַזל־מיזל עפנט ניט דאָס פיסקל,
קײנער ניט קיין ריר און ניט קיין פּיפּס,
גלײַך ווי אַלע טיזלעקלעך פון גיפּס.
אויף אַ חתונה, אַ בריתל —
אים דאָס בעסטע ניסל,

אָדער
אַלע עסן שאַלעכץ, ער די יאָדער.
אָבער יאָדערעס יאָק יאָדערעס — רב מײַזל־מיזל,
ווי געוויינטלעך יעדער ראש־הקהל, האָט זיך אַ קאַפּריזל:
פֿאַרן שלאָפֿן ליב אַ קוק צו טון אין „מעבר־יבוק"
און צו שמעקן טאַבעק.
טאַבעק מוז אים זײַן, כאָטש דונערט, בליצט און האָגלט;
ניט — דער שלאָף פֿאַרוואָגלט.
ווו־זשע איז דער טאַבעק? אין דער טאַבאַקערקע.
און די טאַבאַקערקע — האָט דער אַלטיטשקער רב בערקע.
און רב בערקע, דווקא, איז אַ ייד אַ צאַצקע:
אַז ער לייגט זיך שלאָפֿן,
אויפֿן טיש די טאַבאַקערקע לאָזט ער אָפֿן,
און כּל דכפֿין — שמעק דיר, פּאַצקע
דיר דאָס נעזעלע, די וואָנצעלעך...
צו געזונט... און זאָלן זיך דיר חלומען
גרינגע, זיסע שמאָנצעלעך
פֿון געמאַרענירטע קעז־און־פּוטער־קעצלעך און פֿון שלום און —
פּצי! אַפּצי! האַפּצי!
וואָלט דאָך זיס געווען דאָס לעבן, אַ צוקערקע —
דאַרף זיך טרעפֿן, אַז רב בערקע
פֿאָרט־אַוועק און נעמט זיך מיט די טאַבאַקערקע;
ניט רב בערקע, ניט די טאַבאַקערקע,ביידע נישטאָ הי —
צוויי און דרײַ און פֿיר מעת־לעת.
און רב מײַזל־מיזל דרייט זיך אום אַ מת —
ניט ער שלאָפֿט, ניט ער נעמט אין מויל אַרײַן אַ ביסן.
אַז ער חלשט, אַז ער וויל און קען ניט ניסן!
ס'איז אַן אומגליק, זאָלט איר טאַקע וויסן:
אויף שפּיץ־שפּיצל
פֿונעם נעזל זיצט אַ קיצל,
פּונקט ווי אויף שפּיצצינגל פֿון אַ לץ — אַ חוזקל, אַ וויצל...

אָט־אָ שפּרינגט אַראָפּ עס! אָט־אָ —
ניין, סע האַלט נאָך ניט דערבײַ לעת־עתּה,
עפּעס פּעלט דערצו, אַ פּיצעלע, אַ פּינטעלע, אוי־אוי —
חולם נאָז נוי,
גוט אַזוי און רעכט אַזוי,
נאָז איז דאָ — נו וווּ־זשע איז דער חולם?...
זעצט רב מײַזל־מיזל זיך אַנידער,
קעגן אים דער גאַנצער עולם,
און מע ציטערט און מע וואַרפט מיט אַלע גלידער,
און מע טרייסלט און מע הייבט די פּיסלעך —
אָט־אָ גיסן טויזנט ניסלעך
זיך צונויף אינייִנעם אין איין גרויסן ניס,
אָט־אָ קומט זי, די דערלייזונג, אָט־אָ קומט דער גרויסער שיס,
אָט־אָ ליכטיק אין די אויגן, אָט־אָ־אָ גייט אויף די זון —
און???